# קורס אידיש

## יחידה ראשונה




המכון להכשרה והשתלמות
למידה שעובדת!

# ברוכים־הבאָים

## צו אונדזער "זומער אויסשול ייִדיש פֿאַר קענערס",
## דער ציל פֿון דעם אויסשול איז צו באַפֿעסטיקן
## און צו באַרײַכערן די ייִדישע שפּראַך בײַ די ייִדיש קענערס.

**היחידה הראשונה:**

שני שירים על שפת היידיש לקרוא ולהקשיב ולענות על השאלות;
היכרות ראשונית עם הניבים העיקריים של שפת היידיש,
מקומם במפה של מזרח אירופה, הבדלים בהגיה ומשחק זיהוי של ערים לפי ניבים;
להקשיב לדקלום חרוז מהניב הירושלמי וחישבו מהו מקור הניב

ערשטער טייל – דער ייִחוס פֿון ייִדיש
לאָמיר אָנהייבן מיט צוויי לידער פֿון אליעזר שינדלער:

### דער ייִחוס פֿון ייִדיש

ייִדיש מיט עבֿרי, מיט חומש און רש"י,
מיט הלכה אגדה און ש"ס.
מיט ייִדיש, אַביי־ורבֿא, רבֿ אַשי,
מיט ייִדיש, חקירה, מוסר און דת.

מיט ייִדיש, חסידות, די מעשׂה, דער ניגון,
דער וואַרשטאַט, דאָס שטיבל, די קלייט...
מיט ייִדיש, דאָס ליד פֿאַר קינדער אין וויגן;
און מיט ייִדיש, די גילדערנע קייט. —

### ייִדיש־לשון

אונדזער ייִדיש
אונדזער שפּראַך,
פֿאַרמאָגט דאָך
אוצרות גאָר אַ סך.
באַזיצט אַ שלל
פֿון לידער, קלאַנגען,
חן - אַ קוואַל
און פֿאָלקס־געזאַנגען.
שפֿע, נוסח, דבֿקות, בענקשאַפֿט,
תּפֿילות, טרערן.
טרייסט, באַגערן,
האַרץ, נשמה,
חכמה, מוח,
צדקות, צניִעות,
זאַפֿט און כּוח.

### פֿראַגעס צום באַטראַכטן

1. וועלכע געביטן ווערן דערמאָנט אינעם ערשטן ליד „ייִחוס פֿון ייִדיש“?
2. וועלכע געפֿילן ווערן דערמאָנט אינעם צווייטן ליד „ייִדיש־לשון“?
3. וואָסער ליד ברענגט אַרויס בעסער די אייגנשאַפֿטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך?
4. אליעזר שינדלער איז געווען אַ פּאָעט וואָס האָט געלעבט אין מזרח־אייראָפּע פֿאַר דער מלחמה; ווי אַזוי וועט איר צופּאַסן דאָס ליד צו הײַנטיקע צײַטן? (שרײַבט צו נאָך אַ סטראָפֿע)

צווייטער טייל – פֿון וואַנען וואַקסן די פֿיס?

קוקט אַרײַן אין דער מאַפּע, וועלכע שטעט זענען אײַך באַקאַנט?

מיט וואָס שיידן זיך אונטער די געגנטן?

וואָסערע סאָרטן ייִדיש האָט איר געהערט?

איר האָט אַ מאָל זיכער געהערט פֿון חסידיש און אונגאַריש ייִדיש, ליטוויש און ירושלימער ייִדיש, די אַלע סאָרטן ייִדיש ווערן גערופֿן דיאַלעקטן, אויסשפּראַכן, אַרויסרעדן.

יעדער דיאַלעקט שטאַמט פֿון אַן אַנדער געגנט ווו די דאָזיקע אויסשפּראַך איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך דאָרטן אַנטוויקלט.



מיר וועלן זיך צוהערן נאָך אַ מאָל צו די צוויי אויבנדערמאָנטע לידער אויף די פֿאַרשידענע דיאַלעקטן:

**דער ייִחוס פֿון ייִדיש**

ייִדיש מיט עבֿרי, מיט חומש און רש"י,
מיט הלכה אגדה און ש"ס.
מיט ייִדיש, אַביי־ורבֿא, רבֿ אַשי,
מיט ייִדיש, חקירה, מוסר און דת.

מיט ייִדיש, חסידות, די מעשׂה, דער ניגון,
דער וואַרשטאַט, דאָס שטיבל, די קלייט...
מיט ייִדיש, דאָס ליד פֿאַר קינדער אין וויגן;
און מיט ייִדיש, די גילדערנע קייט. –

**ייִדיש־לשון**

אונדזער ייִדיש
אונדזער שפּראַך,
פֿאַרמאָגט דאָך
אוצרות גאָר אַ סך.
באַזיצט אַ שלל
פֿון לידער, קלאַנגען,
חן - אַ קוואַל
און פֿאָלקס־געזאַנגען.
שפֿע, נוסח, דבֿקות, בענקשאַפֿט,
תּפֿילות, טרערן.
טרייסט, באַגערן,
האַרץ, נשמה,
חכמה, מוח,
צדקות, צניִעות,
זאַפֿט און כּוח.




קוקט אַרײַן אין דער צווייטער מאַפּע, איר זעט אַז די דיאַלעקטן זענען געאָגראַפֿיש באַגרענצט. מיר זעען אויף דער מאַפּע דרײַ הויפּט־דיאַלעקטן אין מזרח־אייראָפּע:

פּויליש ייִדיש

אוקראַיִניש ייִדיש

ליטוויש ייִדיש

ווּ האָט זיך אויסבאַהאַלטן דאָס ירושלימער ייִדיש?

לאָמיר זיך שפּילן „אין וואָס – ווּ“

המכון להכשרה והשתלמות
למידה שעובדת!

מיר וועלן אַרויסרופֿן אַ שטאָט און איר דאַרפֿט טרעפֿן וועלכן דיאַלעקט האָט מען דאָרטן גערעדט:

| אָרט/ דיאַלעקט- | פּויליש | ליטוויש | אוקראַיִניש |
|---|---|---|---|
| ווילנע | | | |
| וואַרשע | | | |
| בערדיטשעוו | | | |
| קראָקע | | | |
| ליובאַוויטש | | | |
| לובלין | | | |
| מעזשבעזש | | | |
| לעמבעריק | | | |
| ראַדין | | | |
| נאַדווערנע | | | |
| קאַרלין | | | |
| גער | | | |
| בעיאַן | | | |

## לאָמיר זען צי איר האָט ריכטיק געטראָפֿן:

**פּויליש ייִדיש** – וואַרשע, קראָקע, לובלין, לעמבעריק, גער

**אוקראַיִניש ייִדיש** – בערדיטשעוו, מעזשבעזש, נאַדווערנע, בעיאַן

**ליטוויש ייִדיש** – ווילנע, ליובאַוויטש, ראַדין, קאַרלין

יעצט קען מען אָנרופֿן די דיאַלעקטן מיט זייערע ריכטיקע נעמען: צענטראַל־ייִדיש: פּויליש, דרום־מזרח־ייִדיש: אוקראַיִניש, צפֿון־ייִדיש: ליטוויש,



## דריטער טייל – אַ ירושלימער רעטעניש

מיר האָבן נאָך נישט געענטפֿערט פֿון וואַנעט איז אָנגעקומען דאָס ירושלימער ייִדיש. הערט זיך צו צום גראַם פֿון אַ צפֿתער וועט איר אַליין טרעפֿן.

## [פּאַטשע קוכן]()

פּאַטשע, פּאַטשע, קוכן
דער בעקער האָט געררופֿן,
האָט גערופֿן קוכן באַקן -
האָט מען נייטיק זיבן זאַכן:
אייער, שמאַלץ, פּוטער, זאַלץ, ניסלעך, מעל און צוקער.




גוט געטראָפֿן, איז דאָס ירושלימער ייִדיש שטאַמט פֿון צפֿון־ייִדיש (ליטוויש)

איצט זענען מיר באַקאַנט מיט אַלע סאָרטן דיאַלעקטן. צענטראַל־ייִדיש (פּויליש), צפֿון־ייִדיש (ליטוויש), דרום־מזרח־ייִדיש (אוקראַיִניש).

### וואָס האָט איר זיך געלערנט פֿון דעם ערשטן איינס?

זיך באַקענט מיט די דרײַ הויפּט־דיאַלעקטן פֿונעם ייִדישן לשון און זיי געפֿינען אויף דער מאַפּע.

איצט קענט איר אַליין טרעפֿן פֿון וואַנען שטאַמט אײַער אייגענעם אַרויסרעד, פֿון וואַנען וואַקסן די פֿיס.

אַצינדערט קען מען גיין אַ טריט ווײַטער, אַליין קענט איר שוין באַנעמען די ניצלעכקײַט פֿון אַן אַלגעמיינעם כּתיבֿ פֿאַר די פֿאַרשיידענע אויסשפּראַכן.